# עונג שבת



**גוט שבת אלע אידן.** עס איז געווען אין די שווערע טעג פון דעם צווייטן וועלט קריג, ווען די דייטשע רשעים זענען אריינגעקומען אין דעם שטאט לאטשאנץ, ראמעניע. די אידן אין שטעטל האבן זיך צוגעגרייט פאר די אטאק מיט תפילה. באלד דערנאך האבן די חיות ימ״ש פארזאמעלט די אידן אין דעם שטעטל׳ס פלאץ, גרייטנדיג זיי אוועקצושיקן צו די לאגערן, ה׳ ישמור. עס איז געווען דארט איין איד, צווישן אלע אנדערע אידן, וואס האט זיך געשטעלט קעגן די סאלדאטן. ר׳ הילל אונסדארפער האט גענומען די ספר תורה פון דעם שול און ער איז ארויסגעגאנגען אויפן גאס צו דעם פלאץ פון דעם שטעטל. די דייטשע האבן אים געזען טראגן די ספר תורה און זיי האבן אים געהייסן אראפווארפן דעם הייליגע ספר, דער אייבערשטער זאל אפהיטן. ר׳ הילל האט געהאלטן פעסט די ספר, אפילו זיי האבן אים געשלאגן און געשטויסן. ער האט בשום אופן נישט אראפגעלאזט די ספר תורה.

די סאלדאטן האבן אים סוף כל סוף אפגעלאזט. ער האט געברענגט די ספר תורה ביז די טוירען פון אוישוויטץ, וואו ער האט געדארפט אפלאזן די ספר תורה, ווען ער אליינס האט נעבעך פארלאזט די וועלט על קידוש השם, הי״ד.

דורך א מוראדיגע השתלשלות איז די ספר תורה אונגעקומען קיין ארץ ישראל, וואו מען האט ווייטער געליינט פון עס. דער ספר תורה איז געבליבן אין די הענט פון דעם אונסדארפער משפחה אין ארץ ישראל.

דער מענטש פון דעם אונסדארפער משפחה וואס האט געהאלטן די ספר תורה אין א״י, האט געהייסן הילל אונסדארפער, אזוי ווי זיין זיידע, הי״ד וואס האט געראטאוועט די ספר תורה פון די וואס האבן געוואלט עס פארברענען, ה״ו. איין טאג איז דער איייניקל הילל גערופן געווארן צום מיליטער אין א״י. אין די יארן זענען ליידער אסאך ערליכע פרומע אידן אריינגענומען געווארן אין דעם מיליטער. הילל האט מיטגעברענגט די ספר תורה מיט אים אריין אין דעם ארמיי, וואו ער פלעגט פירן די דאווענען און קריאת התורה צווישן די סאלדאטן. דורך דעם האט ער געקענט מקרב זיין אידן.

יום הקדוש תשל״ד, האבן די אראבער ימ״ש אטאקירט די מדינה, צום ערשטוינען פון דעם ארץ ישראלדיגער ארמיי. הילל איז דעמאלט געווען א סאלדאט אויף א ״שמירה״ לעבן דעם מצרישע גרעניץ אויף דעם סועץ קאנאל.

דאס קריגעריי איז געגאנגען שווער פאר די ארץ ישראלדיגע סאלדאטן. אפילו דער חזן ר׳ משה יצחק טאפעל וואס איז געקומען ספעציעל צום געגענט פאר די ימים הנוראים צו מחזק זיין די סאלדאטן, איז נעבעך געהרגט געווארן מוצאי יום כיפור. די סאלדאטן האבן געזען אז זיי האבן נישט געקענט זיך געבן קיין עצה קעגן די אראבער, און זיי האבן געדארפט זיך באין ברירה אונטערגעבן צו די מצרישע סאלדאטן.

די ארץ ישראלדיגע סאלדאטן זענען ארויסגעקומען מיט א ווייסע פאן, אזוי ווי די שטייגער איז ווען סאלדאטן געבן זיך אונטער צו א פרעמדען ארמיי. די אראבער האבן גלייך געפאנגען אלע ארץ ישראלדיגע סאלדאטן אין דעם געגענט. צוזאמען מיט זיי איז געווען הילל אונסדארפער. צו יעדער איינערס איבערראשונג, איז הילל ארויסגעקומען צו די מצרישע סאלדאטן האלטענדיג די ספר תורה, די זעלבע ספר תורה וואס זיין זיידע האט געראטאוועט מיט גרויס מסירת נפש. צום סוף האבן די אראבער ימ״ש אוועקגעריסן די ספר תורה פון הילל׳ס הענט.

די אראבער האבן געפירט די אידן אריין אין תפיסה. זיי האבן געלייגט די סאלדאטן אין קליינע שמוציגע טינקעלע צימערן, וואו די אראבער האבן זיי געפייניגט. צו עסן און טרינקען האבן זיי כמעט נישט געגעבן. דורך אלעס איז הילל געבליבן מיט זיין שטארקע אמונה. ער האט געזאגט תהלים בעל פה, וויפיל ער האט געקענט. און ער האט אפילו ארויסגעלערנט די פרייע סאלדאטן עטליכע קאפיטלעך תהלים. דורך דעם האבן זיי געקענט זיך ארויסהאלטן. דעם חיזוק פאר די סאלדאטן איז געווען מוראדיג.

ר׳ הילל האט שטארק געוואלט האלטן א חשבון פון וועלכער טאג עס איז געווען, כדי ער זאל קענען היטן שבת. פארשטייט זיך אז עס איז נישט געווען קיין לוח דארט אין תפיסה. די סאלדאטן זענען געפאנגען געווארן אין שבת (יום כיפור איז אויסגעפאלן שבת יענע יאר), דורך דעם האט הילל געקענט האלטן חשבון. ער האט מורא געהאט אז ער וועט פארגעסן וועלכער טאג עס איז צוליב דעם שווערינקייט פון דעם מצב אין תפיסה, וועגן דעם האט ער געטראכט וועגן אן עצה ווי אזוי צו זיין זיכער וועלכער טאג עס איז. ער האט געווארט ביז די שקיעה, וואס ער האט דערקענען דורך דעם איין קליינע פענסטער הויך אויפן וואנט פון זיין צימער. ווען ער איז געווען זיכער אז עס איז שוין נאכט געווארן, האט ער מיט מסירת נפש אריינגעקריצט מיט זיין ציין איין קריץ אין דעם וואנט! ער האט געקריצט דעם זעקסטען קריץ ביי טאג, ערב שבת. דורך דעם האט ער געקענט היטן שבת!

ער האט געוואלט מכבד זיין דער הייליגער שבת מיט עפעס. אבער פארשטייט זיך אז ער האט נישט געהאט קיין וויין אדער חלות, וכו׳. איין זאך האט ער יא געקענט טון, מאכן שבתדיג זיין ״צימער.״ ער האט זיך אראפגעלייגט אויף דעם ערד, און ער האט זיך אויסגעשפרייט. דאן האט ער גערוקט זיין פיס און הענט הין און צוריק ״אויסקערען״ זיין צימער לכבוד שבת קודש, הפלא ופלא!

נאך זעקס שבתים, זענען ב״ה באפרייט געווארן די ארץ ישראלדיגע סאלדאטן. ווען זיי זענען אראפגעקומען פונעם עראפלאן איז עס געווען שבת. זיי האבן געמעגט פליען אין שבת ווייל עס איז געווען פיקוח נפש צו פארלאזן מצרים. זיי האבן געמעגט אראפקומען פונעם עראפלאן ווייל עס איז אויך געווען פיקוח נפש. דאקטוירים האבן געדארפט זיי געהעריג איבערקוקן ווייל זיי זענען אלע געווען קראנק און שוואך פון דעם שווערן זעקס וואכן אין תפיסה.

הילל מיט די פאר אנדערע פרומע סאלדאטן זענען געבליבן אין דעם עירפארט שבת קודש. עס איז געווען א קידוש השם צו זען ווי זיי זענען געבליבן פעסט מיט שבת נאך אלעס וואס זיי האבן דורכגעלעבט. מען האט ערלעדיגט עסן פאר זיי אין ערפארט. הילל האט געבעטן וויין מיט חלות כדי צו מאכן קידוש, ער האט געגליסט צו זאגן ״אות היא לעולם!״

נאך די מלחמה, איז הילל צוריקגעגאנגען צום לערנען די הייליגע תורה. שפעטער איז ער געווארן א רב אין בית רימון, א קליינע שטעטל אין דעם גליל. די ספר תורה איז געבליבן אין א מצרישע מיליטערישע מוזעאום פאר עטליכע 22 יאר, פאר די אונסדארפער משפחה האט עס צוריקבאקומען. נעבאך איז ר׳ הילל שפעטער אומגעקומען על קידוש השם דורך טערוריסטן, י״ז שבט תשנ״ג ביי די דריי און פערציג יאר, הי״ד. זיין מסירת נפש פאר שבת און זיין כבוד פאר די ספר תורה, אזוי ווי זיין זיידע האט אויך געוויזן, איז א דוגמה פאר אונז אלע.

די וואך ליינט מען אין די פרשה ווי יוסף הצדיק איז איינגעשפארט געווארן אין תפיסה. עס ווערט געברענגט אין די מדרש אז יוסף הצדיק האט געהיטן שבת ווען ער איז געווען אין תפיסה. דורך דעם וואס מען זעט אז אידן ל״ע אין די שווערשטע מצבים היטן שבת וויפיל עס איז מעגליך, קענען מיר ארויסנעמען פון דעם א געוואלדיגע מוסר השכל. ד״ה, מיר וואס קענען היטן שבת גרינגערהייט זאלן כל שכן מדקדק זיין מיט שמירת השבת. דאס איינסיגסטע וועג צו זיין מקפיד אויף הלכות שבת איז פשוט צו לערנען די הלכות. עס וואלט געווען א שיינע זאך אויב יעדע משפחה וואלט אונטערגענומען צו לערנען כאטש צוויי הלכות שבת ביי יעדע שבת סעודה. דורך דעם קענען מיר אלע זוכה זיין צו קענען מכבד זיין די שבת ווי עס דארף צו זיין. **גוט שבת אלע אידן.**

מזל טוב להרה״ג ר׳ הירש מלך האלבערשטאם שליט״א לרגל שמחת הנחת התפילין של בנו יעקב יוסף נ״י
מזל טוב למוה״ר יושע ברויער הי״ו לרגל שמחת הנחת התפילין של בנו מרדכי נ״י • מזל טוב למוה״ר יצחק פישער הי״ו לרגל שמחת הנחת התפילין של בנו פינחס נ״י
נתרם לרפו״ש של חיים מאיר בן מלכה העניא, משה בן סלאווא, שאשא מלכה בת גאלדא, ציפורה בת רחל, מינדל בת רבקה, מרדכי מענדל בן ציפורה–יוטא, צבי בן חנה
בתשח״י לע״נ אברהם בן ליפא ע״ה • לע״נ עמרם בן שמעון ע״ה • לע״נ בלומא יוכבד בת אברהם צבי ע״ה • **כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו** (שבת קיח:)
לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג 3234–362 (845)